153-140: 1937, (4)2

# לעקסיק-פּראָבלעמען אין דער ייִדישער ליטעראַטור [1]

די צאַרישע מאַכט איז געווען פאַראינטערעסירט צו פאַרהאַלטן די אַנט-וויקלונג פון די פאָלקס-מאַסן, ניט דערלאָזט צו זיי קיין בילדונג, ביז לעצט פאַרשמעלערט דעם דיאַפּאַזאָן פון זייערע אַרבעט-פאַכן און באַשעפטיקונגען. דאָס האָט געבראַכט דערצו, וואָס אין דער ייִדישער לעקסיק, וועלכע ווערט דעריקער געשפּייזט פון די פאָלקס-מאַסן, האָבן אָנגעהויבן שטאַרק אָפּגע-שוואַכט צו ווערן פאַרשיידענע שפּראַכלעכע קאַטעגאָריעס. ס׳האָבן אָנגעהויבן אויסצופעלן ווערטער פאַר געגנשטאַנדן אין דער אַרומיקער נאַטור, מיט וועלכער די ייִדישע מאַסן זיינען ניט געקומען אין באַריר. אין דער שפּראַך האָט זיך דערפילט אַ ווערטערלעכע קנאַפּקייט באַם אויסדריקן עמאָציעס און געדאַנקען, וואָס זיינען געבונדן מיט קולטור-שטופן, צו וועלכע די דער-מאָנטע ייִדישע אונטערדריקטע מאַסן זיינען ניט צוגעלאָזט געוואָרן. און דאָס אַלץ האָט זיך ניט געקאָנט ניט אָפּרופן אַף דער לעקסיק אין דער שיינער ייִדישער ליטעראַטור.

ווי אַ ביישפּיל קאָן דאָ דינען אונדזער גרעסטער און רייכסטער שפּראַך-מייסטער שאָלעם-אַלייכעם, באַ וועמענס פאָלקסטימלעכן פערסאָנאַזש האָבן אָפּט אויסגעפעלט שפּראַך-פאַרבן אַף צו באַמאָלן פאַרשיידענע ניואַנסן אין דער נאַטור, אין דער קערפּערלעכער שיינקייט פון דער פרוי, אינעם מענטשלעכן כאַראַקטער.

מיר געפינען, צום ביישפּיל, זייער ווייניק דירעקטע פאַרבן פאַר נאַטור-שיינקייט אפילע באַ שאָלעם-אַלייכעמס דאָרפס-מענטשן טעוויע דעם מילכיקן. פון טעוויען, וועלכער פאָרט מיט זיין פערד-און-וועגל טאָג-איין, טאָג-אויס איבער אַ גרויסן סאָסנע-וואַלד, דערוויסן מיר זיך בלויז, אַז דאָרט אין

1 צו באַהאַנדלען.



„שטיל אַרום און אַרום", אַז „יעדער קנאַק פון דער בייטש רופט זיך אָפּ אין וואַלד", אַז „די זון זעצט זיך, דער טאָג ... ער גרויסעסט"; אַז „די שאָטנס פון די ביימער ציִען זיך אויס לאַנג, ווי דער ייִדישער גאָלעס, עס הייבט אָן ווערן פינצטערלעך און שטאַרק סומנע אַפן האַרצן".

אין פאַרלויף פון זומער, האַרבסט און פרילינג באַגעגנט זיך טעוויע אין וואַלד מיט אַלע זיינע גליקן און מיט אַלע זיינע אומגליקן. נאָר אָט איז די גאַנצע קנאַפּע לעקסיק, מיט וועלכער טעוויע באַמאָלט אין דירעק-טער פאָרם די דאָזיקע דריי ציַיטן אין וואַלד:

זומער:

„פאָרנדיק אַזוי אין וואַלד זומער, די זון באַקט, נאָר פון ביידע זייטן וואַלד דער שאָטן פון די ביימער, דער רייעך פון די סאָסנעס, מעכייע נעפאָשעס".

„זומער. די זון באַקט, די פליגן בייסן, און די וועלט אַרום און אַרום איז מעכייע גרויס, אָפן, כאָטש הייב זיך אוף און פלי".

„זומער-לעבן, די זשאַבעס פונוויַיטנס קוואַקען, דאָס פערדל, געפּענטעט אַף צוויי פיס, שטשיפּעט דאָס גראָז... אַרום און אַרום דאָס גראָז שמעקט — נאָר אַ גאַניידן".

„... און קוק מיך איין דורך די פייערדיקע ריטער פון דער זון".

האַרבסט:

„די טעג זיינען געשענקטע. די זון באַקט שוין ניט, ווי אַ קאַלכ-אויוון, נאָר זי גלעט מיט אַ מין ווייכקייט, מעכייע נעפאָשעס. דער וואַלד איז אַלץ נאָך גרין, די סאָסנעס הערן ניט אוף צו שמעקן מיט סמאָלע און עס דאַכט זיך, אַז דער וואַלד קוקט יאָנטעוודיק, ווי גאָטס אַ סוקע, אַ סוקע פון גאָט. אָט דאָ, טראַכט איך מיר, האַלט גאָט סוקעס".

„ווער שמועסט אפדערנאַכט, איז דאָך גאָר אַ גאַניידן: דעמאָלט איז דער הימל בלוי, די שטערן פינקלען, שעמערירן, בייסן זיך, פינטלען, ווי לע-האוודל אַ מענטש מיט די אויגן, און אַמאָל מאַכט זיך פליט דורך אַ שטערן פייל אויסן בויגן, לאָזט איבער נאָך זיך אַף אַ רעגעלע אַ גרינעם פאַס — דאָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שטערנדל, געפאַלן עמעצנס מאַזל. וואָרעם וויפל שטערן, אַזויפיל מאַזאָלעס... ייִדישע מאַזאָלעס!"

פרילינג:

„ס׳איז געקומען דער ליכטיקער גרינער יאָנטעוו שוועס. ווי שיין, ווי גרין, ווי ליכטיק און וואָרעם באַ מיר אין כוטאָר איז... דער גרעסטער גוניר באַ אייך וואָלט זיך ווינטשן האָבן אַזאַ בלויען הימל, מיט אַזאַ גרינעם וואַלד, מיט אַזעלכע שמעקנדיקע סאָסנעס, מיט אַזאַ מעכייעדיק גראָז... ווו האָט איר אין שטאָט אַזאַ הימל? ווי זאָגן מיר אין האַלעל: האַשאָמאַיִם שאָמאַיִם לאַדוינוי — ס׳איז אַ הימל פון גאָט!"

דאָס דערווייזט אונדז, אַז וואָרט-פאַרבן פאַר דער דירעקטער באַמאָלונג

פון דער נאַטור האָט דער פאָלקס־מענטש, וואָס פּראָדוצירט שפּראַך, אַזאַ פאָלקס־מענטש, ווי טעוויע, געהאַט זייער ווייניק און דעריקער פּרימיטיווע: „די זון באַקט", „דאָס גראָז שמעקט", „דער רייעך פון די סאָסנעס שמעקט מעכײַע נעפאָשעס", „דער וואַלד איז גרין", „דער הימל איז בלוי", „פײַער־דיקע היטער פון דער זון", „דער טאָג גויסעסט", „די זון באַקט שוין ניט ווי אַ קאַלך־אויוון... מעכײַע נעפאָשעס".

נאָך ווערט אונדז קלאָר:

אין מאָמענטן פון דער גרעסטער באַגײַסטערונג פאַר נאַטור־שיינקייטן איז דער פאָלקס־מענטש טעוויע אָנגעקומען צו פאַרגלײַכונגען פונעם רעליגיעזן אינווענטאַר:

„דער וואַלד קוקט יאָנטעוודיק, ווי גאָטס אַ סוקע, אַ סוקע פון גאָט".

„אָט דאָ האַלט גאָט סוקעס".

„דאָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שטערנדל, געפאַלן עמעצנס מאַזל. וואָרעם וויפל שטערן, אַזויפיל מאַזאָלעס... ייִדישע מאַזאָלעס!"

„ווי זאָגן מיר אין האַלעל: האַשאָמאַיִם שאָמאַיִם לאַדוינוי — ס'איז אַ הימל פון גאָט!"

מיט די זעלבע מיטלען, מיט וועלכע טעוויע העלפט זיך אויס באַם באַמאָלן די נאַטור, האָט, ווי מיר וועלן ווײַטער זען, זיך אויסגעהאָלפן שאָלעם־אַליכעם, בײַס ער האָט אין זײַן אייגענעם נאָמען געמאָלט די נאַטור. מיט די זעלבע מיטלען האָט טיילווײַז זיך אויסגעהאָלפן מענדעלע אָנקומענדיק צו „גאָט האָט אַרויסגעצויגן די זון פון איר פוטערפאַס" און פון מאָל צו מאָל אַפילע צו „באָרכי נאַפשי"־פאַרבן. אָפן זעלבן וועג און נאָך טיפער צו דער ייִדישער רעליגיעזער מיסטיק איז אָפטמאָל געגאַנגען פּערעץ, בײַ וועמען „די שטיל באַהאַלטענע שאָטנס קריגן רעשוס" און „לעוואָנע און שטערן בלאָנקען שטיל־שווײַגנדיק אום און נעמען איבער די מעמשאָלע איבער דער וועלט" און „עס ווערט פאַרזונקען אָפן הימל די כײַע מיטן אויפשריפט „עמעס" אָפן שטערן און צוזאַמען מיט דער לעוואָנע איז אַרויסגעשווומען די כײַע מיט דער זילבערנער טרייסט אָפן שטערן און מיטן אויפשריפט „עמונע" און „עס געדויערט נישט לאַנג און מע הערט, ווי מע קלאַפּט אונטן צו כצאָס".

„ס'איז ברייט און גראַם און ווייך און פרײַ אַרום און אַרום" — מאָלט שאָלעם־אַליכעם די נאַטור אין זײַן פרילינג־פּאָעמע „שיר־השירים", — „ערטער־ווײַז שלאָגט זיך דורך פון באַרג, וואָס אָפ יענער זײַט שול, אַ גרעזעלע אַ גרינס, אַ פרישס, אַ צאַפּלדיקס. מיט אַ קוויטש און מיט אַ צוויטש פליט דורך איבער אונדזער קאָפּ אַ גלײַך שנירעלע מיט קליינע שוועלבעלעך, און ווידער דערמאָן איך מיך דעם שיר־השירים פון בײַדער: „האַניצאָנים — די שפּראָצונגען האָבן זיך שוין באַוויזן אָפ דער ערד, די צײַט פונעם סאָ־



לאָוויִטשיק איז געקומען, און אַ קאָל פונעם ערשטן זומער־פויגל האָט זיך געלאָזט הערן אין לאַנד".

צי דעסגלײַכן מאָטל פייסי דעם כאַזנס, אַז ער רײַסט זיך אַרויס פונעם נאַסן קעלער, ווו ער איז אַ גאַנצן ווינטער געווען פאַרשפאַרט, און דערזעט דעם פרילינג, מוז ער באַם אַרויסזאָגן זײַנע היספּײַלעס פאַר דער אַרומיקער נאַטור זיך ווענדן, ווי ער אַליין דערציילט, צו „אַ געזאַנג אָן ווערטער און אָן שום מאָטיוון, אַ מין נאַטור־געזאַנג פון וואַסערפאַל, פון יאָגנדיקע כוואַליעס, אַ מין שיר־השירים" אאַוו. אין קאָנקרעטער פאַרבי־לעקסיק פאַר דער נאַטור איז ער קימאַט ניט רײַכער פון טעוויען און מוז איבערכאַזערן טעוויעס ווערטער:

„אַ טאָג — אַ גאַניידן". „אין דרויסן איז כאָצי עלעל און טאַקע כאָצי־עלעלדיק", „די זון בראָט נים אָפ צו שוויצן און אָפ צו וועלן באָדן זיך, זי וואַרעמט און גלעט און קושט, ווי אַ מאַמע", „דער הימל איז אויסגעצוואָגן שאַבעסדיק".

דער ייִדישער פאָלקס־מענטש, אָפּגעריסן דורך דער צאַרישער מאַכט פון דער נאַטור, ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו פּראָדוצירן און צו פאַרטיילן די פּראָדוקטן פון זײַן מי אין איר שויס, האָט ביסלעכווײַז אויפגעהערט צו שאַפן פאַר דער נאַטור וואָרט־פאַרבן און וואָרט־בילדער. אין דער ייִדישער שפּראַך, אָפּגעשפּיגלט אין דער ליטעראַטור, האָבן אויסגעפעלט וואָרט־פאַרבן פאַר פאַרשיידענע מינים געוויקסן און בלומען, פאַר פאַרשיידענע מינים פייגלען, פאַר פאַרשיידנקייט פון לאַנדשאַפט, פאַר פאַרשיידענע מינים ענדערונגען אין וועטער. אָפ ביימער געפינען מיר אין די ווערק פון ייִדישער קלאַסיק געציילטע עטלעכע נעמען. אַלערליי מינים געפליגל, אַכוץ הינער, גענדז, קאַטשקעס, טויבן, שוואַלבן, אָדלער, אינדיק, ווערן באַצייכנט מיטן אַלגעמיינעם וואָרט „אָף", „פויגל", „פייגעלע". פאַר אַלערליי הייכע און נידעריקע ערטער פון דער נאַטור פאַרמאָגן מיר בלויז די ווערטער באַרג און טאָל. פאַר אַלערליי געוויסער — בלויז די ווערטער ים און טײַך. ניִשטאָ דאָרט קיין אַדעקוואַטן פאַר пруд, ручей, котловина, брод, опушка, отроги, пригорок, холм, обрыв, спуск, курган. ביז גאָר באַגרענעצט זײַנען די וואָרט־פאַרבן פאַר ווינטערדיקע געוויטער, עס פעלן פאַרבן פאַר אַזוינע ווערטער, ווי буря, пурга, метель, крутень, буран, велица, вихри. דאָס וואָרט[8] распутица איז בײַ שאָלעם־אַליכעמען פאַרביטן געוואָרן מיט: „נישט מיט קיין וואָגן און נישט מיט קיין שליטן".

ביז גאָר אינטערעסאַנט זײַנען די מיטלען, מיט וועלכע שאָלעם־אַליכעמען און מענדעלען איז דאָך געלונגען אָפ אַ גלענצנדיקן אויפן אונדז געבן צו פילן דעם אָדער יענעם צושטאַנד אין דער נאַטור. אין אַזוינע פאַלן האָט די ייִדישע קלאַסיק זיך אויסגעהאָלפן מיט רעפלעקסן, ד.ה. אַנשטאָט צו מאָלן דירעקט די נאַטור, דעם גוטן אָדער שלעכטן וועטער, האָט

זי געמאָלט דעם צושטאנד פונעם מענטשן אין דער געגעבענער
נאטור־דערשיינונג. אָט אזוי מאָלט א שניי־שטורעם מענדעלע:
„א שלעכט געוויטער, נישט ווי געוויינלעך, האָט זיך אָנגערוקט פלוצ־
לינג פון צאָפן־זייט. א כאשכעס, א פינצטערניש, שווארצע וואָלקנ ארומ
און ארום".
און דאָ באלד גייט ער שוין איבער צו רעפלעקסן:
און דאָ באלד גייט ער שוין איבער צו רעפלעקסן: „עפעס
„אפ מענטשן פאלט אָן א מעהומע, א לויפעניש, ווי די דולע". „עפעס
א פארדרייטער מעשוגענער וועטער, אזוי ווי פאפירן אפ דער בערזע, וואָס
הייבן זיך און פאלן צען מאָל א טאָג". „דאָס כייעלע זוכט זיך א נאָרע־
לע אנטרונען צו ווערן אין דער ערד".
אָדער:
„דער ווינט לאָזט ניט אָפּ, שטיקלעך פאלנדיקער שניי שטעכן ווי נאָד־
לען אין לייב".
און באלד ווידער צום רעפלעקס:
„איך בייג אָן דעם קאָפּ, האלטנדיק זיך בא דער קאפאָטע, די פאָלעס
זאָלן מיר ניט אריבערוואָרפן זיך איבערן קאָפּ" (שלוימע רעב
כאימס").
ניט פיל בעסער איז באם יידישן פאָלקס־מענטשן באשטאנען מיט וואָרט־
פארבן באם באמאָלן דירעקט די שיינקייט פון דער פרוי. טעוויע בא שאָ־
לעם־אליכעמען האלט אין איין דערציילן, אז ער האָט טעכטער בארימטע
פארשוינען:
„ערשטנס, — אזוי דערציילט טעוויע, — האָט מיך גאָט געבענטשט מיט
שיינע טעכטער". „ס'איז ניט שיין, אז איך אליין זאָל לויבן מיינע קינדער
נאָר איך הער, וואָס די וועלט זאָגט: קראסאוויצעס".
בא יעדן, וואָס האָט געלייענט טעוויען, בלייבט ווירקלעך דער איינדרוק,
אז טעוויעס טעכטער זיינען גרויסע שיינהייטן. דאָס אלץ האָט אָבער שאָ־
לעם־אליכעם דערגרייכט ווידעראמאָל דעריקער מיט דער הילפ פון
רעפלעקסן.
וואָס איז שייעך צו דירעקטע וואָרט־פארבן פאר דער שיינקייט פון
טעוויעס טעכטער, זיינען זיי בא שאָלעם־אליכעמען אין בוך „טעוויע" ביז
גאָר קנאפ און באשטייען אויסשליסלעך אין פאָלגנדן: וועגן צייטלען גע־
פינען מיר דירעקטע וואָרט־פארבן ניט מער ווי:
„א בריליאנט, א דימענט".
וועגן האָדלען: „ווי אין דער הייליקער מעגילע שטייט געשריבן: קי
טויוואס מארע הי — שיינט ווי א שטיק גאָלד!"
דאָ באלד גייט שוין א רעפלעקס:
„איר זאָלט וויסן וואָס פאר א האָדל דאָס איז, ס'איז א האָדל פון גאָט"
וועגן כאווען:



„אזא בריליאנט", „זי קומט מיר אקעגן מיט איר געשטאלט, הויך און
שיין און פריש ווי א סאָסנע".
וועגן שפּרינצעס שיינקייט פעלן אינגאנצן דירעקטע וואָרט־פארבן.
וועגן ביילקען — דער סאמע שענסטער — געפינען מיר בלויז איין די־
רעקט וואָרט־בילד בא טעוויען:
„א פרינצעסן".
פּערעצ און נאָך אים די נאָכקלאסישע ליטעראטור האָבן, עמעס, גע־
מאכט פיל געלונגענע אָנשטרענגונגען אפ צוצושאפן לעקסיק אפ די אויבן
דערמאָנטע געביטן. אָבער גראָד די יידישע ארבעטנדיקע מאסן זיינען מיטן
פּראָצעס פון פּראָדוצירן און פאנאנדערטיילן זייער מי נאָך אלץ געבליבן
אין באדינגונגען, וואָס האָבן זיי ניט געצוווּנגען אָנצוקומען טאָגטעגלעך צו
די דאָזיקע ניי־געשאפענע ווערטער און צו אסימילירן זיי אין זייער שפּראך.
אין רעזולטאט האָט אינעם נאָכקלאסישן פעריאָד זיך באקומען אן איינרייס
צווישן דער ליטעראטור און צווישן יענע יידישע מאסן, וואָס האָבן זיך
דאפקע אויסגעלעבט בלויז אין דער יידישער שפּראך. און דער דאָזיקער
איינרייס האָט זיך ווידעראמאָל אָפּגערופן אפ דער ליטעראטור און פאר־
שווערט איר ווייטערדיקע אנטוויקלונג.
פון דער אנדערער זייט, מוז קאָנסטאטירט ווערן, אז די סאמע געלונ־
גענע ווערק אין דער יידישער ליטעראטור זיינען יענע, וועלכע האָבן בא־
זירט אפ א פּערסאָנאזש, וואָס לעבט זיך אויס דאפקע אין דער יידישער
שפּראך. מיר האָבן גרויסע קונסטווערק וועגן דעם פּערסאָנאזש פון טונע־
יאדעווקע, גלופּסק, קאסרילעווקע און מאזעפּעווקע, א פּערסאָנאזש, וואָס
האָט אָפּגעלייגט זיין פּסיכיש געמיט אין זיין אייגענער יידישער לעקסיק.
נאָר אונדז איז שווער אָנצוווייזן אפ עכט קינסטלערישע ווערק וועגן דעם
לעבן פון איבער צוויי מיליאָן יידן אין ניו־יאָרק, פון הונדערטער טויזנ־
טער יידן אין ווארשע, לאָדז, אָדעס, וואָס היכשע טיילן פון זיי האָבן
אינגאנצן אָדער טיילווייז אופגעהערט צו שאפן יידישע שפּראך פאר די
פּראָצעסן, אין וועלכע זיי פּראָדוצירן און טיילן פאנאנדער זייער מי. פון
דעם ניו־יאָרקער איגנאטאָווס „אין קעסלגרוב" האָט זיך אין דעם זין אויס־
געלאָזט ניט מער ווי א ווייניק געלונגענער פּרווו. שאָלעם אש, וואָס האָט
באוויזן זיינע פיזיאָלאָגישע גוורעס אפ דער שפּראך און אפ דער טעמא־
טיק פונעם „קוילערגעסל", האָט, בא אלע אנדערע סיבעס, וואָס האָבן
פאראורזאכט זיין אונטערגאנג, זיך פאר אונדז פאַרגעשטעלט ווי אן אָפּגע־
שוירענער שימשעון אלעמאָל, ווען ער איז מיט זיין טעמאטיק ארויס צו א
פּערסאָנאזש, וועמעס באדערפעניש אין לעקסיק האָבן איבערגעשטייגט די גרע־
נעצן פון דער קוילערגעסל־שפּראך און האָט אָפט פּאָשעט דעגראדירט ביז
צו ווייניק־איינרעדיקייט און דייטשמערישער פלאפלעריי, ווי צום ביישפּיל:
„... האָט אן עקל געשטיקט מיין קעהל. מיין בלוט, געזויבערט און

געפילטערט דורך טויזנטיאָריקע אַלטע עטישע געזעצנ, האָט געצאַפּלט מיט פּראָטעסט און געשריי געגנ דעמ, וואָס איז אַזוי ווײַט און פרעמד און ווילד פאַר מיר" („מײַנע רײַזע איבער שפּאַניענ").

ווײַסענבערג אינ זײַנ שעפערישנ פּעריאָד איז מיט זײַנ טעמאַטיק ניט אָפּגעטראָטנ פונ פּערסאָנאַזשנ, וואָס האָבנ אָפּגעלייגט זייער פּסיכיש געמיט בלויז אינ דער יידישער שפּראַך. בערגעלסאָנ האָט זײַנ מירל הורוויצ איבערגעטראָגנ פונ דער גרויסער שטאָט, ווו ער האָט פאַר איר געפונענ דעמ פּראָטאָטיפּ, און זי אײַנגעבירגערט אינ א סוויווע פונעמ יידישנ קליינעמ שטעטל, און אינ דער גרויסער שטאָט באַזעצט מירלענ ווידער אינ אַזא מינ סוויווע אינ פאָרשטאָט. אָפּאַטאָשו איז מיט זײַנ אידעאָלאָגיש פאַרגרײַזטנ, אָבער דאָכ בעסטנ ווערק „אינ די פּוילישע וועלדער" אַוועק צומ יידישנ קאָטצק. און ענדלעכ — ווידעראַמאָל צו די קאָריפייענ פונ דער יידישער פאַרסאָוועטישער פּראָזע: שאָלעמ-אַלייכעמענ, וועמענ גאָרקי האָט אָנגערופנ „דער קימאַט געניאַלער" — שאָלעמ-אַלייכעמענ איז וווּנדערלעכ געלונגענ „מאָטל פּייסי דעמ כאַזנס" אינ דער סוויווע פונ דער יידישער קאַסרילעווקע און פיל ווייניקער געלונגענ „מאָטל דעמ כאַזנס" אינ דער ארומרינגלונג פונ ניו-יאָרקער יידנ, וואָס יידיש ריידנ זיי גאָרניט אָדער קנאַפּ. מענדעלעס „טאַקסע", זײַנ טראַקט צווישנ טונעיאַדעווקע און גלופּסק, זײַנ מאַרק, זײַנ באָד, זײַנע „הײַנט נעמענ די יידנ א נעדאָווע בא יענע, מאָרגנ נעמענ יענע יידנ בא די", דער קינדערש הילפלאָזער טרוים פונ ביניאָמינענ און סענדערלענ וועגנ יידישער מעלוכישקייט, — אַלצ איז דאָרט געפאָרמט און צוגעפירט צו פאַראַלגעמיינערטקייט בלויז אפ דער באַזע פונ א מאַסע, וואָס האָט געשאַפנ פאַר זיך שפּראַך אינ פאַרבינדונג מיט די פּראָצעסנ, אינ וועלכע זי האָט געלעבט און פאַנאַנדערגעטיילט די פּראָדוקטנ פונ איר מי. דאָס אײגענע איז גילטיק בנוגע שאָלעמ-אַלייכעמס לופט-מענטשנ — מיט מענאַכעמ-מענדלענ, מאָטל דעמ כאַזנס, טעוויענ און אַנדערע.

לאָמיר איצט זענ, ערשטנס, וויאַזוי האָט די יידישע ליטעראַטור אָפּגעשפּיגלט יענע שיכטנ יידנ, וואָס האָבנ זיך בלויז טיילווײַז באַנוצט מיט דער יידישער שפּראַך אָדער זיי זײַנענ אינגאַנצנ איבערגעגאַנגענ צו אַנדערע שפּראַכנ, און, צווייטנס, ווי האָט די יידישע ליטעראַטור גענומענ לעקסיק אפ זיי אָפּצושפּיגלענ?

פונ שאָלעמ-אַלייכעמס שפּראַך-אוצרעס טוט זיך אָפּ דער קישעפ, ווענ שאָלעמ-אַלייכעמ נעמט זיי אויסנוצנ פּריִער אפ די „סענדער בלאַנקס", דערנאָכ אפ די „איציקל שאָסטעפּאַלס" און אפ די „סאָפּראָנאָוויטשעס", ד. ה. אפ א פּערסאָנאַזש, וואָס געפינט זיך אינ אַנ אַנדער סאָציאַל-עקאָנאָמישער סוויווע איידער די טעוויעס, מענאַכעמ-מענדלס, פּיניעס, עליעס און אַנדערע,



און פאַלנ דעריבער ארויס פונ דער לעקסיק פונ די דאָזיקע שיכטנ. באַוווּסטזיניק אָדער אינסטינקטיוו פּרוּווט שאָלעמ-אַלייכעמ באַמ באַמאָלנ די דאָזיקע מיטל-בורזשואַזע טיפּנ נעמענ צו הילפ די שיראַימ, וואָס אינ דער יידישער שפּראַך האָט געלאָזט די יידישע בורזשואַזיע, — דאָס האַסקאָלישע דײַטשמעריש:

„איציקל שאָסטעפּאַל איז געבליבנ אָפּהענטיק, צעשטערט... ער האָט דער טאָכטער אפ איר פאָרשלאַג נישט געענטפערט גאָרנישט".

אינ דער שפּראַך, מיט וועלכער שאָלעמ-אַלייכעמ שילדערט די דאָזיקע טיפּנ, און אינ זייער דיאַלאָג געפינענ מיר אָפט דעמ גאָרניט זאָגנדיקנ צײַטונג-סטערעאָטיפּ, ווי צומ בײַשפּיל:

„שעדלעכע אויסדרוקנ, וואָס האָבנ זיך געקענט אויסבילדנ אַזוי".

דער טעקסט ווערט פול מיט ווערטער פונעמ דײַטשמערישנ פּעריאָד אינ דער יידישער ליטעראַטור, ווי צומ בײַשפּיל:

„אונטעריכטנ; שילער און שילערינס; באַשעפטיקונגנ; פאַראַכטעט; ערקלערט אינ זייערע געפילנ; א וואַרעמ ליבנדעס האַרצ; געשוועבט אינ דער אַנגענעמלעכקייט פונ זייערע אידעאַלנ; פּראַקטיצירנ; פּראַקטישע אַרבעט; שטודירנ; זעלבסטפאַרשטענדלעכ; איבערצײַגט; דעבאַטע; רעזידענצ; וועמענ האָב איכ די ערע; ראָזעס אויטאָריטעט; אונשטערבלעכ; זעמטלעכע לידער; ער האָט זי באַצויבערט מיט זײַנ באַנעמענ זיכ; ער פאָרנ; שאַדע; פאַרלעגנהייט; אומשטענדנ. שפּריכוואָרט; פרידלעכער". דאָס אַלצ געפינענ מיר בלויז אפ א פאָר געצײַלטע זײַטלעכ אינ שאָלעמ-אַלייכעמס ראָמאַנ „אינ שטורעמ".

דאָס אַלצ האָט אָבער אינ קיינ פאַל ניט געקאָנט געבנ שאָלעמ-אַלייכעמענ די מעגלעכקייט ארויסצופירנ די „שאָסטעפּאַלס" און די „טאַמאַרעס" מיט דער זעלבער קראַפט און בילעטקייט, מיט וועלכער ער האָט ארויסגעפירט די טעוויעס, מאָטלס, גיטל פּורישקעוויטשעס און הונדערטער אַנדערע.

און ווידקלעכ, פונוואַנענ האָט שאָלעמ-אַלייכעמ געקאָנט שעפּנ דעמ שפּראַכלעכנ אַדעקוואַט פאַר די ניט-יידיש-ריידנדיקע בורזשואַזע סאָפּראָנאָוויטשעס און טאַמאַרעס, אויב זיי האָבנ געלעבט בא גאַנצ אַנדערע סאָציאַל-עקאָנאָמישע באַדינגונגענ און אינ א גאַנצ אַנדערער ארומרינגלונג, איידער די עקאָנאָמיש דערדריקטע און אינ שטעטל פאַרשפּאַרטע יידישע מאַסנ? די שיראַימ, וואָס די שפּראַכלעכ-אַסימילירטע בורזשואַזיע האָט אַמאָל געלאָזט אינ דער יידישער שפּראַך, זײַנענ געווענ צו קנאַפּ און פאַרעלטערט, מע זאָל פונ זיי קאָנענ שעפּנ דעמ אַדעקוואַט פאַר דער שפּראַך פונ די שאָסטעפּאַלס און אַנדערע בורזשואַזע שיכטנ אינ שאָלעמ-אַלייכעמס צײַטנ. דאָס דײַטשמעריש פונ די ערשטע האָט געשטאַמט פונ גאַנצ אַנדערע עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישנ איידער דער „רוסמעריש" פונ די שאָסטעפּאַלס און די טאַ-

ליטעראטור צוגעקומען ווערק מיט נײַ־געשאפענער רעוואָליוציע־ און בירגערקריג-לעקסיק.

בערגעלסאָן — „מידאס האדין“, „שטורעמטעג“, אייניקע דערציילונגען אין „צוגווינטן“.

מארקיש — „דאָר־אײַן, דאָר־אויס“.

גאָדינער — „דער מענטש מיט דער ביקס“.

דאניעל — „יוליס“, „אפן שוועל“, „אין א צײַט אזא“.

קושניראָוו — „ברויז“, „קינדער פון איין פאָלק“.

פינינבערג — „באם דניעפער“ און אנדערע (לידער)

טײַטש — „דער טויט פון כאווער וווליע“.

קוויטקאָ — „רויטער שטורעם“, „ליאם און פעטריק“.

סיטאָ — „קינדערהויז 40“.

כאשטשעוואצקי — „פערעקאָפ“.

און בא א גאנצער ריי אנדערע שרײַבער און דיכטער.

טאקע דאָ איז פאר דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראטור אנטשטאנען די פראָבלעם וועגן שפראך. ווי זאָל זי נעמען די לעקסיק צו געבן דעם קריגסמאן? צו וועמען פון די פריערדיקע ייִדישע שרײַבער זאָל די ייִדישע סאָוועטישע פראָזע זיך ווענדן נאָך לעקסיק אפ צו שילדערן די דיספאָזיציעס פון א שלאכט? אויב, לאָמיר זאָגן, דער רוסיש-סאָוועטישער שרײַבער פאדייעוו האָט אפ דעם געביט געקאָנט לערנען בא טאָלסטאָיס „קריג און שאָלעם“, איז בא וועמען פון די ייִדישע קלאסיקער קאָן אפ דעם געביט זיך לערנען דער סאָוועטיש־ייִדישער שרײַבער? ווו איז אין דער ייִדישער ליטעראטור דאָס קלאסישע ווערק וועגן מילכאָמע און קריגסמאן? שוין זשע זיך ווענדן צו מענדעלעס „פריזיוו“ אָדער אנטלײַען לעקסיק בא שאָלעם-אלייכעמס „גיטל פורישקעוויטש“?

פאראן נאָך א רײַכער קוואל, וואָס א קינסטלער קאָן אים אויסנוצן, אויב פאר אים, דעם קינסטלער, האָבן דעם קוואל ניט אויסגענוצט זײַנע פאָרגענגער — דאָס איז די לעקסיק פון פאָלקלאָר. אָבער וואָס האָבן מיר אפן געביט פון מילכאָמע און קריגסלײַט אין פארסאָוועטישן ייִדישן פאָלקלאָר אויסער לידער, וואָס באדויערן און באוויינען דעם ייִדישן געצוווּנגענעם קריגסמאן?

טאקע דאָ ליגט די סיבע, וואָס אין די ערשטע סאָוועטיש-ייִדישע ווערק, געשריבן אפ בירגערקריג־טעמאטיק, איז טיילמאָל טערפקע און ווייניק געלונגען ניט נאָר די שפראך, נאָר אויך די פיגורן, וואָס האָבן ניט באוויזן אָפצושפיגלען אין דער ייִדישער שפראך זייער קלאסעוון, אינדיווידועלן און נאציאָנאלן כאראקטער. טאקע דאָ ליגט די סיבע, וואָס בא



אייניקע שרײַבער איז יענע טעמאטיק טיילמאָל פאָרגעשטעלט געוואָרן בלויז אין איינצלנע אָפגעריסענע ווערטער.

ווי אין שווערן אקער איז דאָ געגאנגען די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור, שאפנדיק נײַע שפראך־בילדערלעכקײַט און נײַע לעקסיק. די דאָזיקע לעקסיק רוקט ארויס א ריי נײַע פראָבלעמען. וועגן זיי אין ווײַטערדיקן קאפיטל.